פון ג~ט, כדי איר זאָלט קענען בײַשטיין די
12 כיטרעקייטן פון דעם שטן. ווײַל דער קאַמף
פאַר אונדז איז נישט קעגן בלוט און פלייש,
נאָר קעגן די ממשלות; קעגן די מאַכטן, קעגן
די וועלטהערשער פון דער דאָזיקער חשכה,
קעגן די רוחות רעות אין די הימלישע ערטער.
13 צוליב דעם נעמט אײַך די כלי־זין פון ג~ט,
כדי איר זאָלט זיך קענען אַקעגנשטעלן אין דעם
בייזן טאָג, און האָבנדיק אַלץ געטון, צו בלײַבן
14 שטיין. דעריבער זאָלט איר שטיין מיט אײַערע
לענדן אַרומגעגאַרטלט מיט אמת, און אָנגעטון
15 מיט דעם פּאַנצער פון צדקות, און אײַערע פיס
באַשוכט מיט גרייטקייט פאַר דער גוטער בשורה
16 פון שלום; און איבער אַלעם נעמט דעם שילד
פון אמונה, מיט וועלכן איר וועט זײַן בכוח אויס־
צולעשן אַלע ברענענדיקע פײַלן פון דעם בייזן
17 (שטן). און דעם העלם פון ישועה זאָלט איר נעמען,
און די שווערד פון דעם גייסט, וואָס איז ג~טס
18 וואָרט; מתפלל זײַענדיק צו יעדער צײַט אינם גייסט
מיט תפילות און תחנונים, און צו דעם צוועק
וואַכנדיק מיט יעדער התמדה און געבעט פאַר אַלע
19 קדושים, און פאַר מיר, אַז עס זאָל מיר געגעבן
ווערן אַ וואָרט בײַם אויפמאַכן מײַן מויל, כדי מיט
אַ פתחון פה מגלה־צו־זײַן דעם סוד פון דער
20 גוטער בשורה, פאַר וועלכער איך בין אַ שליח (אַן
אַמבאַסאַדאָר) אין קייטן, אַז דערין זאָל איך רעדן
אַזוי מוטיק, ווי עס איז מײַן חוב.
21 און כדי אויך איר זאָלט וויסן וואָס מיט מיר
געשעט און וואָס איך טו, וועט טיכיקוס, דער
געליבטער ברודער און געטרייער משרת אינם
22 האַר, אײַך אַלץ צו־וויסן טון. אים האָב איך געשיקט